№12

יודען באיקאטירען דייטשע סחורות, כל זמן היטלער פייניגט די יודען אין דייטשלאנד

פרייז 25 גראָשען X-ער יאָהרגאנג „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" Radomer-Kielcer Leben 16 (457) היינט 6 זייטען

Radom, dnia 21 Kwietnia 1933 r
ראדאָם, מאָנטאָג כ"ה ניסן תרצ"ג

# ראדאמער-קעלצער לעבען

בילינע פרייזען ═══ בילינע פרייזען
פארוואס גיבן אלע די גאַרדעראָבעס
צו וואשען און פארבען
נאָר אין דער
פאַראווע פארבעריי
און כעמישע פּראלניע
פון א. ר. העמפעל
עגזיסטירט פון יאָהר 1880
ווייל ס'איז ביליג, גוט און ניי
פיליעס:
זשעראָמסקי 1; זשעראָמ-
סקי 37; אלטע-שטאָדט 7

## מודעה

דערמיט זענען מיר מודיע, אז די אלגעמיינע פערזאמלונג פון די מיט-גלידער פונ'ם קאָאָפּעראַטיוו „ראדאָמער קעלצער צייטונג". וועלכע איז פאר-געקומען דעם 16|4 ד. י. האָט אנגענומען פאלגענדע בעשלוסען:

א) אנערקענען דעם קאָאָפּעראַטיוו ראדאמער-קעלצער צייטונג פאר ליקווידירט

ב) צוריקצאָהלען די מיטגלידער פונ'ם ליקווידירטען קאָאָפּעראַטיוו די דורך זיי ארייגעלעגטע פייען. —

ג) די אלע מיטגלידער, וועלכע ווילען אָננעהמען זייערע פייען דארפען זיך ווענען דעם ווענדען, במשך 2 (צוויי) חדשים אָהויבענדיג פון טאָג פון דער דאָזיגער מעלדונג, צו דער קאָאָפּעראַטיווער באנק פאר הלוואות (ציוניסטישער באנק) זשעראָמסקי 23 פון 10 פריה ביז 12 א ז. מיטאָג.

ד) די געלדער וועלכע העלען נישט אָנגענומען ווערען דורך די מיטגלידער אין משך פון אוי'בן-דערמאנטען טערמין, ווערען בעשטימט אלס פאָנד פאר געזעלשאפטליכע צוועקען צו דער דיספּאָזיציע פון דער אויס-געוועהלטער ליקווידאַציאָנס קאָמיסיע.

**די ליקווידאַציע-קאָמיסיע.**

צו פערדינגען! א געוועלב מיט א שטוב
שפיטאלנא 4 №
ערקינדיגען אין רעדאַקציע פאר T. A.

עס איז דאָ צו פערדונגען
2 שטיבלעך מיט א קיך
פארטער קאָזיענעצקאָ 2

בעקאנטמאכונג.
די בעוויסטע אין ראדאָם שיך-פירמע
RENOMA
RADOM ŹEROMSKIEGO 25
האָט צום פיהלינגס-סעזאָהן צוגעגרייט א רייכען אסאָרטימענט פון
מענער
דאמען
און קינדער
שיך
פון די בעסטע לעדער און שענסטע אויסארבייטונגען

נכער רב מודיעים על מותו של החבר החביב

# צבי ברוניבסקי

חניך הסתדרותנו בראדום. וחבר לגדוד „מסדה"

הנהגה המקומית של השומר הצעיר ברדום
גדוד „מסדה"

פוילישע — ארץ-ישראל'דיגע
האנדעלס-געזעלשאפט תל-אביב
אפטיילונג ווארשע, מארשאלקאווסקא 139 טעל 408-14
נעמט אָן און ערלעדיגט אלעראַרט עקספּעדיציעס
סחורות, באגאזשט, פעקלעך
צו די נידריגסטע פרייזען
פון אלע שטעדט און שטעטלעך פון פוילען דירעקט
אין אלע שטעדט און קאָלאָניעס נאָך ארץ-ישראל
אלעראַרט אינפאָרמאַציעס ערטיילען מיר אומזיסט

## יידישע 7 קלאסיקע אלגעמיינע שולע און פארשול פון „שול-קולט" אין ראדאם.

די שול-פערוואלטונג האָט דעם כבוד באקאנט צו מאכן, אז די

**איינשרייבונגען און עקזאמענס**

פאר נייע שילער צום 1 ביזן 6 קלאס איינשליסליך און אין פארשול

קומען פאר פון 23-טן ד. מאָנאט

א חוץ די אלגעמיינע געגנשטאנדן, וועלכע ווערן געלערנט לויט דעם מיניסטעריאלן פּראָגראם פארנעמען א זייער ברייט אָרט די יודאיסטישע למודים (תנ"ך, תלמוד, יידישע געשיכטע, העברעאיש, יידיש)

מיר מאכן אויך באקאנט וועגן זייער א וויכטיקן פרט:

ביים איבערגיין אין די רעגירונגס-שולען זיינען אונזערע תלמידים אָנגענומען אין די ענטשפּרעכנדע קלאסן אויפן סמך פון די צייגנישן (צייגנעסעס) פון דער „שול-קולט"-שולע.

אונזערע שילער געניסען אויך פון דער שטאָטישער פיזיש-כעמישער לאבאראטאריע ביים מאגיסטראט.

אינפאָרמאַציעס ערטיילט די שול-קאנצעלאריע:

וויטאָלדאַ 7, קילינסקאַ 19, זשעראָמסקי 30.

באמערקונג: ניי-אָנגענומענע שילער וועלן פאר די וואַקאַציע-צייט נישט צאָלן.

נכער רב מודיעים על מותו של חברנו היקר

# צבי ברוניבסקי

חבר לקבוצה „נצחון" של השומר הצעיר ברדום

הבחירים מן קבוצה „נצחון"
יהושיע זידנובר, אלימלך שטטונר,
וסיני מרקוביץ.

KINO APOLLO

איז קינא אפאללא א יודישער פילם

די טראגעדיע פון א פאטער

ביי וועלכען מען האט צוגענומען זיין איינציג קינד

דאס האַרץ=ליעד

יודישע לידלעך

„ראזשענקעס מיט מאנדלען"

„יודישע מאמע"

אלע יודען מוזען דאס זעהען

49 גר.

פרייזען פון אלע ערטער

49 Wszystkie miejsca gr. 49

z wyjątkiem lóż

KINO APOLLO

# פראטעסט=מיטינג אין האנדווערקער=קלוב.

אחרון של פסח איז אין האנדווער-קער-קלוב פארגעקומען א גרויסע מאַ-סען פערזאמלונג. אויף וועלכער ס'איז ארויסגעטרעטען מיט א רעפעראט דער פאָרזיצענדער פון דער וואַרשאווער האנדווערקער צענטראלע, חיים ראסנער. דער רעדנער האט בעהאנדעלט די פרא-גע פון די האנדווערקער-צעכען, אבער דעם גרעסטען טייל פון זיין רעפעראט האט ער געווידמעט די גרויסע פייניגונ-גען פון די יודען אין דייטשלאנד דורך די היטלעריש׳ע רוצחים.

דער גרויסער פערזאמעלטער עולם האט ארויסגעטראגען א שטארקען פראָ-טעסט און אנגענומען א רעזאלוציע צו סאלידאריזירען זיך מיט'ן גאנצען וועלט יודענטום אין קאמף מיט די בארבארי-שע מעשים פון די אינקוויזיטארישע היטלעריסטען.

ס'האט אויך גערעדט דער איגספעקטאר פון די האנדווערקער אין דער קעלצער וואיעוואדסטווא, גידערמאן. דעם פאר-זיך האט געפיה־רט דער פרעזעס קאַפלאר.

◎◎◎◎

## פון קינא „אפאללא"

אין קינא „אפאללא" ווערט היינט געוויזען איינס פון די שענסטע און ריהרענדסטע בילדער. דאס בילד הייסט דאס „הארץ ליעד". אין וועלכען עס געהט פערביי איבער'ן קינא לייוואנט אין בילדער · קרעאציעס א פרעכטיגע ערצעהלונג וועגען אנ'איינזאמען מענש' וואס איז זיך מקריב פאר א ארים פער-לאזען יתומה'לע.

דער הארציגער, ווארים-מענשליכער אינהאלט פון בילד ווירקט אונגעהויער אויף די בעזוכער און ריהרט זיי ביז טרעהרן. די טענער אין ווערטער קלאנגען אין שילדערונגען וואס רעדען אראפ פון פילם דרינגען אריין טיף אין דער נשמה און ציטערען-אויף די פערבאר-גענסטע טיף פערשלאפענע סובטועלע סטרונעס פון מענשליכען האַרץ.

אין בילד ווערען געזונגען אויך יודיש הארציגע לידלעך מיט וועלכע מען ווינס איין יודישע קינדערלעך.

דאס בילד „א הארץ ליעד" איז באמת ווערטה בעזוכט צו ווערען.

# הזכרות נאך די יודישע היטלער=קרבנות.

דעם לעצטען טאג פסח האט מען אין שוהל און אלע בתי · מדרשים צו הזכרת נשמות געמאכט הזכרות די געפא-לענע יודישע קרבנות פון היטלער-טעראר.

אין פיעל ערטער האט מען פאר די הזכרות גערעדט וועגען די גרויליכע אכזריות'ען וואס ווערען בעגאנגען גע-גען אונזערע ברידער אין דייטשלאנד פון דעם נייעם המן הרשע היטלער מיט זיינע באנדיטישע באנדעס. טייל רעדנער האבען אויסגעזגען רמזים מיט נוטריקון. אז דער דאזיגער עמלק סוז איינגעמען א ווישטען סוף. אבער ביז די דאזיגע חיה אין מענשען-געשטאלט וועט פערשווינדען מוזען יודען איהם געבען א געהעריגען ענטפער און דאס נאר דורך א בויקאט אויף דייטשע סחורות.

אויך די גמינע האט ארויסגעלאזט א קול קורא, וואו זי רופט צו בויקאטירען די דייטשע סחורות.

## פון קינא „טשארי"

אין קינא „טשארי" ווערט דעמאנ-סטרירט א שעהן און אינטערעסאנט בילד א. נ. די „מענער אין איהר לע-בען", דאס בילד צייכענט זיך אויס מיט אנהאלט און ארטיסטישען שוישפיעל.

■■■■■■

# דער נייער המן הרשע

## ווערט בטגאסן מיט בענזין און פערברענט

פון דרילטש שרייבט מען אונו:

די גרויזאמע רציחות פון דייטשען עמלק מיט זיינע בארבארישע מחנות אויף די דייטשע יודען האט אויפגעצי-טערט דאס גאנצע שטעדטעל. אלע יו-דען אנשים, נשים וטף האבען זיך פער-זאמעלט אין בית-מדרש און דער פרע-זעס פון דער ארטיגער ציוניסטישער ארגאניזאציע ה' מ. גראספעלד האט געהאלטען א הארציגע רעדע אין וועלכער ער האט געשילדערט די שרעק-ליכע פייניגונגען וואס דער דייטשער חמ'על-ניצקי. היטלער, טהוט אן די דאר-טיגע יודען.

פון בית-מדרש אין דער גרויסער פערזאמעלטער עולם ארויס אין גאס. דארט האט מען געטראגען טראנספא-ראנטען מיט די אויפשריפטען: נידער מיט היטלערן, נידער מיט דייטשע אויסארבייטונגען! אויף איין טראנספא-ראנט איז געווען אויסגעמאהלט א קא-ריקאטור פון היטלערן

דער פראטעסט-צוג האט מארשירט איבער אלע גאסען. פיעל מיט פערבי-טערונג, צארען און פראטעסט האט די יוגענד בעגאסען היטלער'ס קאריקאטור מיט בענזין און עס פערברענט אין מי-טען מארק. יואו ס'זיינען אויך אנגענומען געווארען פערשיידענע פראטעסט רעזא-לוציעס.

דער ספאנטאנישער פראטעסט פון די יודען אין דרילטש, א קליין שטעדטעל נישט ווייט פון ראדאם ביוין זיין א מוסר השכל פאר אונזער ראדאם, ווי אזוי יודען רעאגירען אויף יודישע צרות און פיין. צי איז אין ראדאם אויך פארגעקומען א פראטעסט דעמאנסטרא-ציע אין גאס?




Szanujesz Oczy!!

Zwróć się do

Dyplom. Optyka

Z. Węgier

Absolwent Wyższej Szkoły Optycznej

w Jenie

RADOM

Zeromskiego 25

פער'חתמ'ענען דעם כאמאלינער דאס שחט-שטיבעל אין היינט איז זי מאכס-לאז און דערלאזט א נישט אפיציעלען שיחט צו שחט'ען בפרנסיה? וואו זענען די רעליגיעזע פיהרערס פון דער קהלה קדושה און וואו זענען די ווירטשאפט'ס פיהרער, פארוואס שווייגען זיי, די לעצ-טע, בעת די שחיטה הכנסה אין די גמינע-קאסע געהט אזוי ארום געבראכען?

די שוחטים בעקלאגען זיך, אז זיי בעקומען נישט זייערע פולע פענסיעס, דאס זעלבע איז מיט די אנדערע כלי-קודש און בעאמטע, וועמען מען צאהלט נישט אויס אפילו קיין העלפט פון זיי-ערע פרעלימינירטע פענסיעס. דער תי-רוץ איז, אז עס איז נישטא קיין געלד. אזוי למשל האט די גמינע אין די יום טוב-וואכען אויסגעצאהלט די דערמאנטע אזעלכע פענטיעס, אז נישט בלוין. וואס דערפון איז נישט געווען קיין יום טוב צו מאכען, נאר אפילו אויף איבערצו-לעבען די געוועהנליכע וואך האט עס נישט געקלעקט. איז דאך ווירקליך א הארבע קשיא, וואס איז מיט'ן כאמאלי-נער, וועלכער שחט בריש · גלי און ברענגט אויס געלד די גמינע? וואלט דאס געלד אבער אריינגעגאנגען אין דער קאסע פון גמינע, דאן וואלט דאך במילא געווען מעהר אויסצו-צאהלען די שוחטים און אלע אנדע-רע אנגעשטעלטע, ווי בעאמטע, כלי-קודש אין עמעריטען.

וואס זאל עס פארט בעדייטען דאס שווייגען אין טאלערירען דעם כאמאלי-נער מצד דער גמינע?

■■■■■■

## יודישט 7 קלאַסיגזי שולע.

אין דער בעוויסטער יודישער שולע „שול-קולט." הויבן זיך אָן די עקזאַמענס דעם קומענדיגען זונטאָג. די שולע האָט זיך אין פערלויף פון דער צייט ערוואָר-בען סימפּאַטיע און אנערקענונג ביי דער יודישער בעפעלקערונג. אלע על-טערען וואָס שיקען אהין זייערע קינדער האָבען דעם פולסטען צוטרוי צו דער לייטונג פון דער שולע וואָס אנבעלאַנגט דעם ערציהונג'ס וועזען און פּעדאַגאָגי-שען כאַראַקטער. די לערן-געגענשטאַנדען זענען אויסגעשטעלט אין ברייטסטען מאַסשטאַב, אנהויבענדיג פון העלפטליכע למודים ביז יודאַאיסטיק, תלמוד און יודישע געשיכטע. אויך די לעהרער קרעפטען בעשטעהען פון גוטע פּעדאַ-גאָגען וואָס פערשטעהען גוט זייער אויפגאַבע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערציהונג פון יודישען קינד.


KINO DZWIĘKOWE „CZARY"

OD PONIEDZIAŁKU 17 KWIET.
i dni następnych

JOAN GRAWFORD

# Mężczyżni w jej życiu

jako drugi

BUSTER KEATON

jako Pośrednik Miłości

Biuro Prośb i podań

p. f „PROLITEX"

RADOM WAŁOWA 5 oficyna 1-sze piętro

| ZAŁATWIA: | Redaguje Podania: |
|---|---|
| Sprawy paszportowe | Do Władz Sądowych |
| Mieszkaniowe | Skarbowych |
| Wszelkie Tłomaczenia | Administracyjnych |
| i inne. | i Wojskowych. |

Windykacje należności w całej Polsce.
informacje o zdolności kredytowej
Przepisywanie na maszynach.
Biuro czynne: od godz. 9-ej rano do 7-ej wieczór

URODONAL




Zwalcza reumatyzm podagrę piasek sklerozę

czyści nerki oczyszcza wątrobę i stawy łagodzi arterje i zwalcza otyłość

Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.
Przedstawicielstwo Warszawa, Fredry 4.




Żądać w aptekach i składach aptecznych




שפּייז-פּעקלעך
נאָך רוסלאַנד
אויך קליידונג, מעדיקאַמענטן און געלט
z gwarancją szybkiej dostawy wysyła
CENTRALA PRZESYŁEK SP. Z O. O.
WARSZAWA Senatorska 22
TEL. 93-11.
Konto w P. K. O. 4777 — פאַדערט פּרייז קוראַנטען
פערטרעטער אויף ראַדאָם — קעלץ און אומגעגענט ווערט געזוכט!

## ענדליך איז פערשוואונדען



מיין פערעלטערטער היהנער אויג (אַטשיסק)
חייל „לעבעוואָהל"
איז א מיטעל, וואָס אונלכעס איז נאָך נישט געוועזן.
פּאָדערען אין אלע אַפּטייקען און אַפּטיק-סקלאַדעס.
אויסדריקליך נאָך
LEBEWOHL
לאַנד-אויסאַרבייטונג.

## נידער מיט אונזערע שונאים!




קאַראַלוכען פּרוסאַקען און נאָך אזוינע חערים
דאָס זענען די פערשפּרייטער פון פערשידענע אנשטעקנדע קראַנקהייטען. מען מוז זיי גרינד-ליך אויסראָטען נאָר מיט דער הילף פון בעסטען ראַדיקאַלן מיטעל וואָס פערגיפט נישט און דאָס איז
FLURIN
פאָדערען אין אלע אַפּטייקען און אַפּטיק-סקלאַדעס.



### Chłopiec ryzykuje swoje spodnie

dla jednego jabłka. Ale przezorna Pani domu nie naraża swej bielizny, by zaoszczędzić 20 groszy na mydle. Jeżeli Szanownej Pani zależy istotnie na trwałości swej bielizny, to winna Pani prać ją tylko mydłem „Kołłontay z pralką". Mydło to, łagodne i zawierające glicerynę, jest nader oszczędnem w użyciu i ohroni Waszą drogą bieliznę. Nieoh Szanowna Pani nie wdaje się w eksperymenty z innemi mydłami, nawet gdyby były nieco tańsze. Ryzyko bowiem zbyt wielkie, a oszczędność wykluczona. Mydło „Kołłontay z pralką" jest zawsze tańsze, bo jest lepsze...

Mydło Kołłontay z pralką jest lepsze....

Bezpłatnie! Oryginalna paczka Shempunalu Kołłontay'a (wartości 40 gr.) do 1 kg mydła Kołłontay'a


צוליב טעכנישע שוועריגקייטען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער יום-טוב וואָך ערשיינט דער הייַנטיגער נומער אין 6 זייַטען